# משוגעים-הייזער זינגען

דאָס זײַנען מיר אַנטלאָפן אַליין
זיך באַהאַלטן אונטער קראַטעס,
באַהאַנגען שווער מיט געוויין
איז די וועלט, ווי מיט שמאַטעס.

אייער לעבן איז פאַרנאַכט און באַגינען,
די גאַס האַלט כסדר אין בלוטן...
מאַמעס גייען אַראָפּ פון זינען,
קינדער שטאַרבן אָפּ ווי מינוטן.

און טאַטעס פאַרשווינדן ווי יאָרן,
נאָר נישט אַזוי לאַנגזאַם און שטיל;
זיי זײַנען נישט צײַטיקער קאָרן,
אײַליק געפירט צו דער מיל...

און וואו ס׳פאָרט דורך דער וואָגן,
דאָרט וועט שוין נישט וואַקסן קיין גראָז.
און ייד קאָן נישט מער ווי קלאָגן,
אייער שטים צעברעכט זיך ווי גלאָז.

אייערע טעג זײַנען ליידיקע לעכער,
אייער גליק — פאַלש געניטע קנעפּ;
און ווילט איר כאַפּן די פאַרברעכער,
כאַפּט איר זיך אַליין פאַר די קעפּ...

און די נאַכט וויל זיך דווקא איבערקערן
אין אייער מוח, ווי אַ משוגעת.

און איר הערט, אַז מיט די ווייסע שטערן
ווי מיט ציין קריצט דער הימל פאַר כעס.

איר ווייסט נישט, וואו לויפן, און טראַכט:
מאין יבא עזרי, מאין?
נאָר אייער צייט פאַרראַט אייך און לאַכט
און וויקלט זיך, ווי אַ טוך אַרום קין...

כאָרכלען אין גסיסה ס׳דאָרף און די שטאָט,
זיפצן קראַנק־אומריין ווי מצורעים,
און איר קומט נאָך הילף צו אונדז — אייער גאָט,
צו אונדז, די גרויסע משוגעים...